בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא

תשפ"ד

337

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג

27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק

4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל

8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל

8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו

24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי

32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונדון

23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קרית ברסלב

ליבערטי - ניו יארק

### האשקי

181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל

291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה

187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק

2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה

67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### ירושלים

21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## ירושלים

רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק

רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה

רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש

רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד

רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל

רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת

רח' צהל 1
**050-412-6101**


עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַארְוָואס צֶעַרְייסְן זִיךְ מַיינֶע קְלֵיידֶער זַייעֶר שְׁנֶעל?..............................א
אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין סַבְלָנוּת, מֶעג אִיךְ זַיין מְלַמֵד?..............................ג
עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ רוּפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן בַּיים נָאמֶען..............................ד
זָאגְן אַז טַאטִי לֶערְנְט, אִין דִי צַייט וָואס עֶר אַרְבֶּעט?..............................ה


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטַאמִין..............................א
בַּאשֶׁעפֶער רֵיינִיג מִיךְ פוּן קִנְאָה אוּן פַיינְטְשַׁאפְט..............................ב
וַוארֶעם אוּן וֵוייךְ צוּ דִי קִינְדֶער..............................ב
אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה, הֶעלְף דְרוּקְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים..............................ג
וֶועלְכֶע צֵייטוּנְגֶען אוּן הַאטְלֵיינְס זֶענֶען גוּט?..............................ד
לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי וָואס רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל..............................ה
וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ גֵיין..............................ה
תְּשׁוּבָה בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז צוּ זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע..............................ו
וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְאָרֶעמְט פוּן גֶעבְּן מַעֲשֵׂר..............................ז
מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי הֲלָכוֹת, עֶנְדִיגְט זִיךְ זֵייעֶר טְרַאגִישׁ..............................ז
וֶועסְט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט..............................ח
וֶוען יֶענֶער מַאכְט אַזוֹי נֶערְוֶועז, אַז דִי בְּלוּט קָאכְט..............................ט
אָן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה.............................. יא
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן.............................. יא

דִי וֶוענְט זָאלְן וֶוערְן אַיינְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן.........................יב
וֶועסְט גָארְנִישְׁט פַארְדִינֶען פוּן דַיין טְרוֹיעֶרִיגֶע לַאנְגֶע נָאז.........................יג
קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, קוּק נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס.........................יד
אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.........................טו
מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, אָבֶער הִיטְן שַׁבָּת.........................טו
גֶעבְן וַוארֶעמְקַייט פַאר יֶעדֶע תַּלְמִידָה.........................טז
וואוֹינְט בַּיי דִי מַאמֶע, אָבֶער אוֹיךְ רוּפְן דֶעם טַאטְן.........................יז
זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אִין קְלַאס.........................יח
רֵייכֶער נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט כִּמְעַט נִישְׁט אָטֶעמֶען.........................יט
חוֹבוֹת אִיז אַ סַכָּנָה וָואס צֶעשְׁמֶעטֶערְט דָאס לֶעבְן.........................יט
אֶפְשָׁר דָאךְ קֶען אִיךְ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן עֶנְק.........................כא
גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְן וִוי אַזוֹי זֵיי צוּ זָאגְן.........................כא
דוּ בִּיסְט רַייךְ, בִּיסְט נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת.........................כב
שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים.........................כג
אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק.........................כג
דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעפִיל הָאבְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ הַדְפָּסָה.........................כד
מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, מִיט זָארְגְן וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן.........................כה
אַ גְרִינְגֶערֶע וֶועג צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.........................כו
קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן כִּסוּפִין.........................כו
זַיי קְלוּג אוּן פַארְגִין דַיין וַוייבּ דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע.........................כז
תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אַזוֹי וִוי אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים.........................כז
קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט מִיט דִי גֶעלְט.........................כח
טוּן אַסַאךְ חֶסֶד, נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.........................כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס צֶערַייסְן זִיךְ מַיינֶע קְלֵיידֶער זֵייעֶר שְׁנֶעל ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ זֶע זֵייעֶר אָפְט וֶוען אִיךְ בַּאקוּם שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אַ נֵייעֶ קְלֵייד, אָדֶער סַיי וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע זַאכְן אָנְצוּטוּן, וֶוערְט עֶס נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם חָרוּב, אָדֶער צֶערִיסְן אָדֶער פַארְפְלֶעקְט. אִיךְ זֶע דָאס לֶעצְטְנְס מֶער אָפְט פוּן אַמָאל.

אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער צַדִּיק הָאט אַן עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, וָואס דַארְף אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְרֶעכְטְן אַז דָאס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל נִישְׁט בְּרוֹגֶז זַיין אַז אִיךְ פְרֶעג אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי״ם, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת ה׳תשפ״ד

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיידֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶערִיסְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קכז): ״הַבְּגָדִים יִהְיוּ שְׁלֵמִים תָּמִיד וְלֹא קְרוּעִים״, דִי קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין גַאנְץ אוּן נִישְׁט צֶערִיסְן, ״כִּי הַבְּגָדִים בְּעַצְמָן תּוֹבְעִין אֶת הָאָדָם אִם לֹא נִזְהָר בִּשְׁמִירָתָן לְכַבְּדָן כָּרָאוּי

וּלְהַחֲזִיקָן בִּנְקִיּוּת", ווייל די קְלֵיידֶער וֶועלְן מָאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר זֵיי נִישְׁט הַאלְטְן רֵיין און פַארְן זֵיי נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט אַ גַאנְצֶע סִימָן אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת וֶועגְן 'בְּגָדִים', קְלֵיידֶער; עֶס אֲזַי כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען דֶעם סִימָן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע אוֹת. צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹת א' זָאגְט דֶער רֶבִּי: "בִּגְדֵי אָדָם מְרַמְּזִים עַל מִדּוֹתָיו שֶׁל אָדָם", מֶען קֶען זֶען דִי נַאטוּרְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, לוֹיט וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, מִיט וָואס פַאר אַ קְלֵיידֶער; בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן מַיינֶע מִידוֹת, אִיךְ זָאל זַיין אֵיידְל און בַּאשֵׁיידְן, בִּיז מֶען וֶועט קֶענֶען זֶען אוֹיף מַיינֶע קְלֵיידֶער אַז אִיךְ בִּין אֵיידְל און צְנִיעוּת'דִיג".

אִין אוֹת ב' זָאגְט דֶער רֶבִּי: "מִי שֶׁהוֹלֵךְ יָחֵף, בְּיָדוּעַ שֶׁהוּא חוֹטֵא", זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן גֵייִן בָּארְוֶועס; בֶּעט מֶען: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵייִן בָּארְוֶועס", און אַזוֹי וַוייטֶער אִין אוֹת ד' זָאגְט דֶער רֶבִּי: "מִי שֶׁאֵינוֹ נִזְהָר לְהִסְתַּכֵּל בְּעֶרְוַת אָבִיו, לְסוֹף שֶׁיֵּלְכוּ בָּנָיו 'עָרוֹם וְיָחֵף'", אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן וְכוּ' - בַּאקוּמֶען דִי קִינְדֶער אַ שְׁטְרָאף אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קְלֵיידֶער; בֶּעט מֶען: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיר מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן וְכוּ', מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן".

אִין אוֹת ה' זָאגְט דֶער רֶבִּי: "מִי שֶׁאוֹכֵל קֹדֶם הַתְּפִלָּה, הוּא נֶעֱנָשׁ בִּבְגָדִים", אַז מֶען עֶסְט אִינְדֶערְפְרִי פַארְן דַאוֶונֶען וֶוערְט מֶען גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט דִי קְלֵיידֶער; בֶּעט מֶען: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גָארְנִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין מוֹיל אֵיידֶער אִיךְ דַאוֶון צוּ דִיר". אִין אוֹת ו' זָאגְט דֶער רֶבִּי: "עַל יְדֵי גַּאֲוָה נֶעֱנָשׁ בִּבְגָדִים", דוּרְךְ גַּאֲוָה בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי קְלֵיידֶער; בֶּעט מֶען: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן אוֹיף קֵיינֶעם, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר און טְרַאכְטְן פוּן דִיר"; און אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, מֶען דַארְף לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין סַבְלָנוּת, מֶעג אִיךְ זַיין מְלַמֵד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סַאךְ סַבְלָנוּת אִין חֵדֶר, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּמָאל פַארְלוֹירְן אוּן גֶעשְׁלָאגְן, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן מַיין גֶעהַאלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ וֶוייניגֶער סַבְלָנוּת; מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵד?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, שׁוֹבָבִי״ם, י״א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ אַז נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ פַארְלִירְסְט זִיךְ אוּן דוּ שְׁלָאגְסְט דִי קִינְדֶער - טָארְסְטוּ נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, אַ מְלַמֵד וָואס נוּצְט הֶענְט - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, אוּן אַז עֶר זוּכְט פַּרְנָסָה זָאל עֶר גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיים צַאמְנֶעמֶען דִי מִיסְט אוּן אוֹיסְגֶעבְּן דִי כַּעַס אוֹיף דִי קַאנֶעס, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי וָואס אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט וִוי זֵיי וַוארְפְן דִי קַאנֶעס מִיט כַּעַס אוּן רְצִיחָה.

שְׁלָאגְן פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט - אִיז פַארְקֶערְט פוּן חִינוּךְ, בִּכְלַל שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט גוּט. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן, דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן רֶבִּי נָתָן הַיִתָּכֵן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פְרַאסְק פַאר זַיין זוּן, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶועןְ פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זַיין זוּן וִויל נִישְׁט פָאלְגְן, אַרַיינְקוּמֶען זִיצְן נֶעבְּן דֶעם גַאסְט וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אוּן מִיט דֶעם

אַלֶעס הָאט דֶער רֶבִּי אִים פָּארְגֶעהַאלְטְן: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?" אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען מֶען וֶוערְט פַּארְלוֹירְן אוּן מֶען טֵיילְט פֶּעטְשׁ רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, אַזַא אֵיינֶער טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ רוּפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן בַּיים נָאמֶען

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זֶע בַּיי מִשְׁפָּחוֹת אַז עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דִי עֶלְטֶערְן רוּפְן זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן בַּיים נָאמֶען, מֶען זָאגְט נָאר טַאטִי אוּן מַאמִי, אִיז דָאס אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ? ווַייל מִיר שְׁפִּירְן אַז עֶס בְּרֶענְגְט מֶער אַ נָאנְטְשַׁאפְט צְווִישְׁן אוּנְז וֶוען מִיר רוּפְן זִיךְ יָא בַּיים נָאמֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת - רוּט דִי שְׁכִינָה, אוּן עֶס אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה אוּן מֶען פַּארְלִירְט אַלֶעס.

זַייט אַייךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אוּן בְּעִיקָר הָאט נִישְׁט מוֹרָא זִיךְ צוּ אַנְטְשׁוּלְדִיגְן אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן, אֲפִילוּ יֶענֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט אוּן אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט. מַיין מַאמֶע זָאל גֶעזוּנְט זַיין זָאגְט מִיר שְׁטֶענְדִיג: "דֶער וָואס אַנְטְשׁוּלְדִיגְט זִיךְ וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט - דֶער אִיז אַן אֱמֶת'עֶר מֶענְטְשׁ, דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער וֶוען עֶס אִיז אַ סָפֵק

אוֹיב עֶר אִיז גֶערֶעכְט – דֶער אִיז אַ קְלוּגֶער און דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער וֶוען עֶר אִיז גֶערֶעכְט – דֶער הָאט שָׁלוֹם בַּיִת".

בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען עֶס זֶענֶען דָא קְלֵיינֶע קִינְדֶער רוּפְט מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּיי דִי נֶעמֶען, אַזוֹי אִיז גְרִינְגֶער פַאר דִי קִינְדֶער צוּ רוּפְן דִי טַאטֶע 'טַאטֶע', און דִי מַאמֶע 'מַאמֶע' און נִישְׁט בַּיי דִי נֶעמֶען, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אַז קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן בַּיים נָאמֶען (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף ב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן אַז טַאטִי לֶערְנְט, אִין דִי צַייט וָואס עֶר אַרְבֶּעט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען מַיין מַאן גֵייט אַרוֹיס צוּ דִי אַרְבֶּעט, און מַיין דְרֵיי יֶערִיג אִינְגְל פְּרֶעגְט מִיר וואוּ טַאטִי אִיז, מֶעג אִיךְ אִים זָאגְן אַז טַאטִי אִיז גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת ה'תשפ"ד

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט, און עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט זָאגְן לִיגְנְט; קִינְדֶער וֵוייסְן אַלֶעס און קֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן בֶּעסֶער וִוי דִי עֶלְטֶערְן קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס.

זָאגְט דֶעם אֱמֶת, טַאטִי אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען און בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, און אוֹיךְ הָאט טַאטִי שִׁיעוּרִים אִין לֶערְנֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטַאמִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי"ם, ט׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק
מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז אִיר וֵויינְט, נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט וְכוּ׳; אִיר מֶעגְט וֵויינֶען, עֶס אִיז גֶעזוּנְט צוּ וֵויינֶען, אִיר מֶעגְט וֵויינֶען וֶוען אַייעֶר מַאן זֶעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אִיר וֶועט בְּקָרוֹב גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

חַזֶר׳ט דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין" אִיךְ גְלֵייבּ, "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, "שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ" אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "הוּא בּוֹרֵא" עֶר בַּאשַׁאפְט, "וּמַנְהִיג" אוּן פִירְט, "לְכָל הַבְּרוּאִים" אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, "וְהוּא לְבַדּוֹ" אוּן עֶר אַלֵיין, "עָשָׂה" הָאט גֶעטוּן, "וְעוֹשֶׂה" אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, "וְיַעֲשֶׂה" אוּן וֶועט וַוייטֶער אַלֶעס טוּן, "לְכָל הַמַּעֲשִׂים" אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין אִיז דִי בֶּעסְטֶע וִויטַאמִין, דִי בֶּעסְטֶע מֶעדֶעצִין; עֶס בַּארוּאִיגְט, עֶס שְׁטַארְקְט אוּן עֶס גֶעבְּט כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בַּאשֶׁעפֶּער רֵיינִיג מִיךְ פוּן קִנְאָה אוּן פַיינְטְשַׁאפְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן דִי פַיינְטְשַׁאפְט אוּן קִנְאָה וָואס אִיז אַיינְגֶעגֶעסְן אִין דִיר, וַוייל וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ׳ - קוּמְט אִים שְׁטֶענְדִיג אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת פוּן קִנְאָה, שִׂנְאָה, כַּעַס רְצִיחָה וְכוּ׳ - אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רֵיינִיג מִיךְ פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין רֵיין, וָואס טוּ אִיךְ דָא מִיט דִי פַיינְטְשַׁאפְט, מִיט דִי קִנְאָה, מִיט דִי כַּעַס אוּן רְצִיחָה, רֵיינִיג מִיךְ״.**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוּן בַּיי יֶעדֶע מִדָּה זָאלְסְטוּ נָאס מַאכְן דֶעם סֵפֶר; זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין אוּן דִי גוּטֶע מִידוֹת זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען.

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הֲפָצָה. פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אוּנְזֶער בֵּית הַדְּפוּס, פְרֶעג וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים; מִיר קֶענֶען נוּצְן הִילְף בְּגוּף, בְּטִירְחָא וּבְמָמוֹן. אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָואָה מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים וָואס בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַוארֶעם אוּן וֵוייךְ צוּ דִי קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף קִינְדֶער... עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס מֶען פַּיינִיגְט אוּן מֶען הַרְגְ׳ט זֵיי; דֶער

קִינְד ... נֵרוֹ יָאִיר, דִי מַאמֶע אִיז אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, זִי קֶען אִים בַּייסְן אוּן אִים שְׁלָאגְן מַכּוֹת אַכְזָרִיּוּת.

בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט רַחְמָנוּת, וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין רַחְמָנוּת - וֶוערְט אַלֶעס גוּט; מֶען וֶוערְט וַוארֶעם אוּן וֵוייךְ, אוּן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן דָאס אוּן זֵיי פָּאלְגְן.

גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי נִישְׁט אִין חֵדֶר נָאר נָאכְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת; נָאכְן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, נָאכְן זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן, נָאכְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן - פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה, הֶעלְף דְרוּקְן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, שׁוֹבָבִי״ם, י״א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ דַארְפְסְט אַ יְשׁוּעָה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט הֶעלְפְן דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, בִּפְרַט סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל - וֶועט זֶען אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט בֶּעטְן פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער פַאר אַ זְכוּת צוּ דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי אַלְטֶע פְּרַייז, אוּן וֶוער עֶס הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים - זֶעט אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת.

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַסַאךְ פְרִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים צוּ דְרוּקְן, מִיר וַוארְטְן אוֹיף נַדְבָנִים, וֶוער עֶס ווִיל נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶכֶת בָּבָא קַמָּא אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶכֶת בָּבָא מְצִיעָא, אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט הַיינְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם

בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ נָאר בְּגִירְסָא, בְּלִי הֲבָנָה; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוער עֶס לֶערְנְט גְמָרָא יֶעדְן טָאג - דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם תִּיקוּן; גְמָרָא וַואשְׁט אִים אָפּ, גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶועלְכֶע צֵייטוּנְגֶען אוּן הַאטְלֵיינְס זֶענֶען גוּט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבבִי"ם, י"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֵיין נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְגֶען אוּן מַאגֶעזִינֶען. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ סִימָן וָואס פַּאר אַ צֵייטוּנְג אוּן מַאגֶעזִין מִיר קֶענֶען לֵיינֶען, וֶוען מִיר וֶועלְן זֶען דִי קֶעפְּל פוּנֶעם צֵייטוּנְג, אַז עֶס וֶועט שְׁטֵיין מִיט קִידוּשׁ לְבָנָה אוֹתִיוֹת: "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מַאכְן; נִישְׁט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט, נִישְׁט דֶער פִירֶער, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַזַא קֶעפְּל - וֶועט מֶען מֶעגְן לֵיינֶען דִי צֵייטוּנְג, אָבֶער ווִילַאנְג עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין גְרוֹיסֶע וֶוערְטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס - אִיז דִי גַאנְצֶע צֵייטוּנְג אֵיין גְרוֹיסֶע בְּלָאף, אֵיין גְרוֹיסֶע שֶׁקֶר.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי הַאטְלֵיינְס פוּן נֵייעֶס, נָאר וֶוען מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט מֶען הֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן נָאכְאַמָאל אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶעמָאלְט וֶועט מֶען מֶעגְן הֶערְן; כָּל זְמַן מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַלֶעס אֵיין שְׁטִיק בְּלָאף.

פוּן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אִיךְ טְרַאכְט 'פַּארְוָואס רֶעדְסְטוּ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס רֶעדְסְטוּ דָאס מִיט יֶענְץ? רֶעד פוּן בַּאשֶׁעפֶער'; דָאס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

צָאל שְׂכַר לִימּוּד וֶועסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי וָואס רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י״א אֲדָר א׳, שְׁנַת ה׳תשפ״ד

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט רֶעדְן מִיט אִיר, אִיר קֶענְט רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶער אַז דִי רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה - זָאלְט אִיר זִי אָפְּלָאזְן; אַז פְּרוּיעֶן רֶעדְן אַן אוּמְאֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ - זָאלְט אִיר אָפְּלָאזְן דִי פְּרוֹיעֶן, וַוייל נִיבּוּל פֶּה בְּרֶענְגְט מַחְלוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן ד): ״הַמְנַבֵּל פִּיו״, וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, ״מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנּוֹם״, מַאכְט מֶען אִים טִיף זַיין גֵיהִנוֹם, מֶען בְּרֶענְגְט מַחְלוֹת אוּן בִּיטֶערֶע יְסוּרִים, אוּן נִישְׁט נָאר אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה קוּמֶען יְסוּרִים, נָאר ״גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק״, אוֹיךְ פַאר דֶעם וָואס הֶערְט נִיבּוּל פֶּה אוּן עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט.

מֵילָא אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען שְׁמוּעֶסְט סְתַּם זַאכְן, מֶען לוּפְטֶערְט זִיךְ אוֹיס - דָאס אִיז כְּדַאי, אָבֶּער צוּ רֶעדְן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דִי שְׁמוּעֶסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וַויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ גֵיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאגְן נִישְׁט צוּ גֵיין - קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט, אָבֶער דָאס יָא, אוֹיב גֵייסְטוּ אַהִין אוֹיף שַׁבָּת - קוּם נִישְׁט צוּ מִיר. אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַּאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּיי עֶפֶּעס אַ לֵץ: "זָאגְן זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין - קֶען אִיךְ נִישְׁט, אָבֶער אַז דוּ גֵייסְט צוּ יֶענֶעם - קוּם נִישְׁט צוּ מִיר".

בִּכְלַל - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַ קֶעלְבְּל וָואס זֵייגְט פוּן צְוֵויי מַאמֶעס וֶוערְט קְרֶעצִיג, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס זֵייגְט פוּן צְוֵויי - וֶוערְט גוּט צֶעמִישְׁט".

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, וואוּ בַּאקוּמְסְטוּ מֶער, פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אָדֶער פוּן ...? און זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וָואס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דִיךְ פִירְן צוּ לֶעבְן מִיט תַּכְלִית און נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן אֵיינֶעם מִיט אַ פַארְמַאכְטְן הַאנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### תְּשׁוּבָה בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז צוּ זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, שׁוֹבָבִי"ם, י"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַלְס מֵיידְל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דֶער וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן שְׁטֶערְט עֶס אִים פוּן גֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְן, פוּן זַיין אַ גוּטֶער אִיד"; דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַלְס קִינְד וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת, רָחֵל לֵאָה טֵייטְלְבּוֹים עָלֶיהָ

הַשָּׁלוֹם, זִי פְּלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי טֶעכְטֶער און דִי אֵיינִיקְלֶעךְ: "תְּשׁוּבָה בַּיי פְּרוֹיעֶן אִיז אֵיין זַאךְ, זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, שְׁמֵייכְלֶען און זַיין צוּפְרִידְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְאָרֶעמְט פוּן גֶעבְּן מַעֲשֵׂר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ יֶעדֶעס מָאל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר. עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְיָאגְט מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, און דוּרְךְ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו אִיז נָאךְ אַ וֶועג וִוי צוּ בְּלַייבְּן נָאנְט.

דַיין מַעֲשֵׂר זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר צְדָקָה, וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְאָרֶעמְט אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן מַעֲשֵׂר, נֶעם אַרַיין אִין קָאפּ אַז דִי מַעֲשֵׂר אִיז נִישְׁט דַיינְס, אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דָאס גֶעבְּן מַעֲשֵׂר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי הֲלָכוֹת, עֶנְדִיגְט זִיךְ זֵייעֶר טְרַאגִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב פַאר דִי חֲתוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, עֶנְק זָאלְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן, עֶס זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט און שָׁלוֹם צְוִוישְׁן עֶנְק.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; וִויסְן זָאלְט אִיר, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, עֶס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב - כַאפְּט מֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע קְלֶעפּ. אִיךְ זָאג אַייךְ עֶס לוֹינְט נִישְׁט, עֶס לוֹינְט צוּ הִיטְן הֲלָכוֹת, צוּ בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט אוּן צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען הוֹיבְּט אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי הֲלָכוֹת - עֶנְדִיגְט זִיךְ דָאס זֵייעֶר טְרַאגִישׁ.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַייךְ, אוֹיף אַייעֶר מַאן אוּן אוֹיף אַייעֶרֶע דוֹרוֹת הַבָּאִים; דִי צַייט וְכוּ׳ - אִיז נִישְׁטָא קַיין מַעֲשִׂיוֹת, נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּצִים ׳אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן׳, ׳אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וְכוּ׳׳, הִיטְס דִי הֲלָכוֹת וֶועט אַייךְ גוּט זַיין.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר וֶועט עֶר אוֹיךְ הָאבְּן חִיזוּק צוּ זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי הֲלָכוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אוּן בֵּיידֶע וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

וֶועסְט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבבִי״ם, י״א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיינֶע בְּרִיוו.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ גֵייסְט טוּן עֲבֵירוֹת שְׁטִילֶערְהֵייט, דוּ גֵייסְט מִיט פְרֶעמְדֶע; אוֹי וֵויי אִיז מִיר אַז אִיךְ דַארְף דָאס הֶערְן, אַזוֹיפִיל הָאבּ אִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן צֶענְדְלִיגֶער שָׁעָה פַאר דִיר, אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת, דוּ גֵייסְט מִיט פְרֶעמְדֶע רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ וֶועסְט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן פַאר דִי גַאנְצֶע

וֶועלְט, דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אָן אַ שְׁטוּב, אָן דַיינֶע קִינְדֶער; אָדֶער טוּסְטוּ תְּשׁוּבָה, אַז נִישְׁט וֶועט וֶועט זַיין זַייעֶר בִּיטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט הֶפְקֵר.

אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען כָּל זְמַן דוּ טוּסְט עֲבֵירוֹת, אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מֶער מִיט אוּנְזֶער קְהִילָה.

...

**וֶוען יֶענֶער מַאכְט אַזוֹי נֶערְוֶועז, אַז דִי בְּלוּט קָאכְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

אַז דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז פוּן ... עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דוּ ווִילְסְט אַוֶועק גֵיין דַאוֶונֶען, דוּ וֶוערְסְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, דַיין בְּלוּט הוֹיבְּט אָן קָאכְן, דַיין בְּלוּט זִידְט; זָאלְסְטוּ אַרָאפְּצִיעֶן דַיין טַלִּית אוֹיף דַיין פָּנִים אוּן שְׁרַייעֶן **שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז מִיט מִיר? וָואס וֶוער אִיךְ נֶערְוֶועז פוּן אַ צְוֵוייטְן? וָואס גֵייט מִיר אָן אַז דֶער גַבַּאי מַאכְט אַזוֹי צִי אַזוֹי?"**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ זִיךְ, זָאג דַיין נָאמֶען אוּן הַאלְט זִיךְ פָאר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: **"יוֹאֵלִ'ישׁ, וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס שְׁטֶערְט דִיר? וָואס טוּט דִיר בֶּאֱמֶת שְׁטֶערְן? יוֹאֵלִ'ישׁ, דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט דַיינְס, נָאךְ אַבִּיסְל לֵייגְן מֶען דִיךְ אִין קֶבֶר, וָואס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן דִיר..."**

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בָּדוּק וּמְנוּסֶּה אַז עֶס הֶעלְפְט, דָאס טוּ אִיךְ וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל מִיךְ מְשׁוּגָע מַאכְן, דִי עֵצָה זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הִרְהוּרִים, סִימָן יד): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת", וֶוער עֶס הָאט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, "יְדַבֵּר לְעַצְמוֹ", זָאל רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיינְס, "דִּבְרֵי בִּזְיוֹנוֹת", זִיךְ פַּארְשֶׁעמֶען. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (נְדָרִים ט:), שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ נָזִיר וָואס הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע

נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי אָט אָט וַוארְפְט אִים דֶער יֵצֶר הָרָע אַרָאפּ אִין אַן עֲבֵירָה, הָאט עֶר גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס אוּן גֶעזָאגְט: "רָשָׁע, לָמָּה אַתָּה מִתְגָּאֶה בָּעוֹלָם שֶׁאֵינוֹ שֶׁלְּךָ", וָואס גְרוֹיסְטוּ זִיךְ מִיט אַ וֶועלְט וָואס אִיז נִישְׁט דַיינְס? "בְּמִי שֶׁהוּא עָתִיד לִהְיוֹת רִמָּה וְתוֹלֵעָה", נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ זַיין וֶוערֶעם; דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעַראטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, וֶוען נִישְׁט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - וִוי קֶען מֶען לֶעבְּן? וִוי אַזוֹי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען? אַ נֵס אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, אַ נֵס אַז מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, וָואס דֶערְמַאנְט אוּן מָאנְט צוּ גֵיין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְמַאנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זָאלְן גֵיין אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אוּנְזֶערֶע שְׁמוּצִיגֶע בְּלוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עה), אַ מֶענְטְשׁ הָאט בְּלוּט, "שֶׁלֹּא עָבַד בָּהֶם אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעדִינְט דֶערְמִיט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְלַיידְן קַיין מֶענְטְשְׁן, אוּן נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שָׁלוֹם, עֶס זָאל מֶער גָארְנִישְׁט שְׁטֶערְן.

מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה, אַז דוּ קוּמְסְט שַׁבָּת אִין שׁוּל אוּן דַיין בְּלוּט הוֹיבְּט אָן צוּ זִידְן, זָאלְסְטוּ אַרָאפְּצִיעֶן דַיין טַלִּית אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זָאגְן דִי לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן (שָׁם, סִימָן קח): "'אֵיךְ נָפַלְתִּי וְנִשְׁלַכְתִּי מִשָּׁמַיִם לָאָרֶץ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וִוי קוּק אִיךְ אוֹיס, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, 'שֶׁהָיִיתִי בְּמָקוֹם גָּבוֹהַּ כָּזֶה, וְעַכְשָׁו נָפַלְתִּי וְהֶחֱזַרְתִּי פָּנַי מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזַא רַחֲמָנוּת, אִיךְ בִּין דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע רַחֲמָנוּת, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע רַחֲמָנוּת פוּן מִיר".

לְמַעַן הַשֵּׁם, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק דַאוֶועגֶען פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אַלֶעס אִיז נָאר מְנִיעוֹת.

...

## אָן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי"ם, י"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

וָואס מֵיינְסְטוּ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט דִיךְ אָפְּלָאזְן? עֶר הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט, דֶערִיבֶּער זוּכְט עֶר וִוי אַזוֹי דִיךְ מַחְלִישׁ דַעַת זַיין אוּן וִוי דִיךְ אַרָאפְּצוּוַוארְפְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, בַּאנוּץ זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵיי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיר אַ פְּרִישְׁקֵייט, וָואס בִּין אִיךְ אִין אַזַא קַטְנוּת הַדַעַת? וָואס אִיז מִיט מִיר? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מִיר אוּן קוּמֶען צוּ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אָן הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל אָן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה.

...

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי"ם, י"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין הַארְץ גֵייט מִיר אוֹיס דוּ זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, עֶס אִיז אַזַא רַחֲמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זֵייעֶר צַעַר אוּן וֵוייטָאג, קֵיינֶער קֶען זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ, וַוארְט אוֹיס, לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק, אַז דוּ זוּכְסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי

תּוֹרָה. זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, אִיךְ דַארְף אַ וַוייבּ, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ וִויל נִישְׁט פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ; וֶוען? ווילַאנְג נָאךְ?"

טַייעֶרער בְּרוּדֶער, בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, זַיי שְׁטַארְק מִיט אָנְטוּן תְּפִילִין אוּן מִיט הִיטְן שַׁבָּת.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר.

...

## דִי וֶוענְט זָאלְן וֶוערְן אַיינְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, סְטֶעטְן אַיילֶענְד

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶכֶת בָּבָא קַמָּא אוּן מִיר הוֹיבְּן אָן מַסֶכֶת בָּבָא מְצִיעָא, כַאפּ זִיךְ מִיט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַלֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים.

אַ בְּלַאט גְמָרָא אַ טָאג נֶעמְט אַוֶועק אַזוֹיפִיל צָרוֹת, עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעזֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער דוּרְךְ לֶערְנֶען גְמָרָא; סֵיי אִין פַּרְנָסָה, סֵיי מִיט שִׁידוּכִים, מִיט קִינְדֶער, מִיט נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער.

עַל כֵּן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם אַ גְמָרָא, קוֹיף זִיךְ אַ גְמָרָא (הַיינְט אִיז דָא הֶערְלִיכֶע גְמָרוֹת מְנֻקָּד פוּן 'עוֹז וְהָדָר'), אוּן לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא בְּקוֹל, מִיט אַ נִיגוּן, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. לְכַתְּחִילָה זָאלְסְטוּ דָאס טוּן אִין שְׁטוּבּ, דִי וֶוענְט זָאלְן וֶוערְן אַיינְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן; וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

**וֶועסְט גָארְנִישְׁט פַארְדִינֶען פוּן דַיין טְרוֹיעֶרִיגֶע לַאנְגֶע נָאז**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, אַ חוֹדֶשׁ פוּן שִׂמְחָה; מֶעגְסְט שׁוֹין שְׁמֵייכְלֶען, מֶעגְסְט שׁוֹין אוֹיסְגְרָאדְן דִי קְנֵייטְשְׁן פוּן דַיין שְׁטֶערְן, לָאז אָפּ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶועסְט גָארְנִישְׁט מַרְוִיחַ זַיין פוּן זַיין בְּעַצְבוּת, מִיט אַ לַאנְגֶע נָאז; גֶעב אַ שְׁמֵייכְל.

בֶּעט אוֹיף שִׂמְחָה, וַוייל דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז שִׂמְחָה. מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט (סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה הוֹדָעוֹת נְחוּצוֹת, אוֹת צא) מֶען קֶען זֶען אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה אָדֶער עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן; אַז מֶען הָאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה, מֶען אִיז דָּבוּק צוּם צַדִּיק אֱמֶת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים - אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם צַדִּיק.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיפְן פָּנִים אַ שְׁמֵייכְל. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג): "אַנְפִּין נְהוֹרִין" אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "פָּנִים דִקְדֻשָּׁה", "בְּחִינַת חַיִּים" - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה, דָאס אִיז לֶעבְּן, "אַנְפִּין חֲשׁוֹכִין", אוּן אַ טוּנְקֶעלֶע פָּנִים, "סִטְרָא אָחֳרָא", אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, "בְּחִינַת מִיתָה", מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן; שִׂמְחָה אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, קוּק נָאר אוֹיף פָאְרָאוֹיס**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבבִי"ם, י"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, קוּק נָאר אוֹיף פָאְרָאוֹיס; אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט וְכוּ'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "אֲחוֹרֵי שֵׁם אקיק הוּא בְּגִימַטְרִיָּא דָּם", אַז מֶען שְׁרַייבְּט צוּרִיק צוּ וֶועגְס דֶעם שֵׁם אקיק, מֶען שְׁרַייבְּט א' אוּן וֶוען מֶען וִויל שְׁרַייבְּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע אוֹת - ה' - גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם אוֹת א', מֶען שְׁרַייבְּט "אה"; אוּן וֶוען מֶען וִויל שְׁרַייבְּן וַוייטֶער - אוֹת י' - גֵייט מֶען צוּרִיק, מֶען שְׁרַייבְּט "אקי", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וֶוען מֶען וִויל שְׁרַייבְּן דֶעם אוֹת ה' הוֹיבְּט מֶען אָן "אקיק", אִיז דָאס בְּגִימַטְרִיָּא פִיר אוּן פֶערְצִיג, אַזוֹי וִוי דָּם [בְּלוּט]. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דָאס אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, דֶער שֵׁם אקיק אִיז דֶער שֵׁם פוּן תְּשׁוּבָה, אֶהְיֶ-ה אִיז טַייטְשׁ 'אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי', 'אִיךְ וִויל זַיין גוּט', 'אִיךְ גֵיי זַיין גוּט', אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט, אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אָבֶּער 'אֶהְיֶ-ה' אִיךְ גֵיי זַיין, אָבֶּער וֶוען מֶען דְרֵייט זִיךְ אַוֶועק פוּן אֶהְיֶ-ה, מֶען דְרֵייט זִיךְ אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָא 'דָּם' בְּלוּט; בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרֶער חָבֵר, מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט אֲחוֹרֵי אֶהְיֶ-ה, קוּק מֶער נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, קוּק נָאר פָאְרָאוֹיס אוּן זָאג אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט**", זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט**".

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הָאף בְּקָרוֹב צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ אַלֶע חֲבֵרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן בַּאזוּנְדֶער צוּ דִיר. אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט מַיינֶע שְׁרִיפְטְן, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעדַארְפְט שִׁיקְן קַיין אוּמַאן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן גְרוֹיס גֶעלְט וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען דֶעם וִוינְטֶער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת אוּן צוּ אַלֶע מַעֲלוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ דִי שִׁידוּךְ; אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ בֶּעטְן אֵיינֶער פוּן דִי שַׁדְכָנִים בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה, מָרַת ... תִּחְיֶ', מֶען זָאל אָנְטְרָאגְן דִי שִׁידוּךְ פַּאר ...

אִיךְ לֵיין אַלֶע דַיינֶע בְּרִיוו, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, אָבֶּער הִיטְן שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, וִוי שְׁטַארְק צוּפְרִידְן אִיר זֶענְט אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל, אוּן דִי שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, וִוי אִיר הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן אִיר זֶענְט אַזוֹיפִיל קוֹנֶה פוּן זֵיי.

אֵיין וָוארְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט לִיבּ פוּן דִי בְּרִיוו, אִיר שְׁרַייבְּט: "אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי יָאר נָאר אֵיין מָאל תְּהִלִּים"; דִי וָוארְט 'נָאר' אִיז נִישְׁט גוּט, וָואס דַארְפְט אִיר זִיךְ אַרָאפְּקְלַאפְּן? שְׁרַייבְּט: "אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי יָאר סֵפֶר תְּהִלִּים", אָן דִי וָוארְט 'נָאר'.

אִיר הָאט אַן אַנוּנג ווִי חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶרע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים זֶענֶען? אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵּא וֶוען אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, דִי אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים שְׁפַּאלְט אַלֶע הִימְלֶען, אוּן זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג כָּאטְשִׁיג אֵיין קַאפִּיטְל תְּהִלִּים - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאמֶע וְכוּ'; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ סֶענְסֶעטִיוֶוער עִנְיָן, אִיךְ וֶועל עֶנְטְפֶערְן בְּאוֹפֶן כְּלָלִי, וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַייעֶר מַאמֶע פַאר שַׁבָּת, זָאלְט אִיר זִי זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, זִיךְ פִירְן ווִי זִי פִירְט זִיךְ, אוֹיסֶער אוֹיב מֶען טוּט פַארְקֶערְט פוּן דִי תּוֹרָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס - מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, צְוֵויי - הִיטְן שַׁבָּת, דִי צְוֵויי מִצְוֹת שְׁטֵייעֶן אִין אֵיין פָּסוּק, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן נָאר אוֹיב עֶס גֵייט מִיט דִי תּוֹרָה, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם טַאטֶע מַאמֶע זָאגְן מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין - דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין, אָבֶער אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ; דִי מִנְהָגִים וְכוּ', חוּמְרוֹת וְכוּ' - זָאלְט אִיר טוּן ווִי אַזוֹי זִי טוּט.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, ווַייל נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע ווַארֶעמֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבְן ווַארֶעמְקֵייט פַאר יֶעדֶע תַּלְמִידָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבבִי"ם, י"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן
מָרַת ... תִּחְיֶ'

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי ווַארֶעמְקֵייט וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר דִי תַּלְמִידוֹת, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ תַּלְמִידָה וָואס קוּמְט פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּב, זִי וואוֹינְט בַּיי אִיר טַאטֶע, אִיר טַאטֶע הָאט נָאכְאַמָאל חַתוּנָה גֶעהַאט, זִי שְׁרַייבְּט אַז פוּן וֶוען זִי גֵייט אַהֵיים פוּן סְקוּל - בֶּענְקְט זִי שׁוֹין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ סְקוּל, זִי בֶּענְקְט צוּ אַייךְ, דִי גוּטֶע גֶעפִיל וָואס אִיר גֶעבְּט אִיר; זִי

שְׁרַייבְּט, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז אִיר זָאלְט אַהֵיימְגֵיין אָן אִיר מַאכְן גוּט שְׁפִּירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאְרן גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט פַאר יֶעדֶע תַּלְמִידָה, אוּן בִּפְרַט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוֹינְט בַּיי דִי מַאמֶע, אָבֶּער אוֹיךְ רוּפְן דֶעם טַאטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב קוּמְט אַייךְ אָן שְׁוֶוער, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת מִיט אַייעֶר טַאטֶע, אִיר וואוֹינְט בַּיי אַייעֶר מַאמֶע - זָאלְט אִיר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען צוּ רוּפְן אַייעֶר טַאטֶע אוּן רֶעדְן מִיט אִים, אוּן אַז אִיר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן מִיט אַייעֶר טַאטֶע - זָאלְט אִיר זִיךְ זוּכְן פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד וָואס צוּ רֶעדְן; דֶערְצֵיילְט אִים אַייעֶרֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, דֶערְצֵיילְט אִים מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; דָאס וֶועט אִים אוֹיסְהֵיילְן.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא, הַאלְטְס פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער: "׳אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ׳, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג אִין קְלַאס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי״ם, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג אִין קְלַאס, נִישְׁט טוּן זַאכְן בַּיים פָּארְלֶערְנֶען, נָאר קוּקְן אוֹיף דִי לֶערֶערִין אוּן אוֹיסְהֶערְן.

אַלֶע לֶערֶערִינְס וָואס קוּמֶען אִין סְקוּל זֶענֶען גוּטֶע אוּן טֵייעֶרֶע לֶערֶערִינְס, אַלֶע לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין סְקוּל - אִיז וִויכְטִיג; בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט פְּרוּבִירְן דָאס בֶּעסְטֶע וָואס אִיר קֶענְט צוּ זַיין וואוּיל.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שִׂמְחָה, בֶּעטְס: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן מַיין קָאפּ בִּיז מַיין פוּס, אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי בִּיטֶערְקֵייט אוּן פוֹילְקֵייט, אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת הַשִּׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס, אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֵייכֶער נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט כִּמְעַט נִישְׁט אָטֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, מִידוֹת טוֹבוֹת מִיט שִׂמְחָה. אִיךְ וֵוייס דוּ אַרְבֶּעטְסְט שְׁוֶוער, אִיךְ וֵוייס גָאר גוּט דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס אַ מְלַמֵּד הָאט, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין אַ מְלַמֵּד שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר; דָאךְ לוֹינְט זִיךְ עֶס, דִי שְׂכַר פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן, דִי שְׂכַר גֵייט לָנֶצַח נְצָחִים.

רֵייכֶער נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט כִּמְעַט נִישְׁט אָטֶעמֶען, לָאז אָפּ דֶעם צִיגַארֶעטְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חוֹבוֹת אִיז אַ סַכָּנָה וָואס צֶעשְׁמֶעטֶערְט דָאס לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי״ם, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת, בָּארְגְן טָאר מֶען נִישְׁט, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס צוּ זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְטְרוּנְקֶען מִיט אַזוֹיפִיל חוֹבוֹת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - מֶעג מֶען בֶּעטְן צְדָקָה; פַארְוָואס בָּארְגְן אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער בַּאגְרָאבְן? חוֹבוֹת אִיז אַ סַכָּנָה וָואס צֶעשְׁמֶעטֶערְט דָאס לֶעבְּן אִין יֶעדֶע פְּרַט, דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ בָּארְגְן גֶעלְט.

רוּף דַיינֶע חֲבֵרִים, שִׁיק אַ טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ וֶוער עֶס וִויל הֶעלְפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת; עֶס וֶועט טַאקֶע זַיין שְׁוֶוער, עֶס וֶועט זַיין בִּזְיוֹנוֹת, אָבֶער אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט מֶער דֶערְטְרוּנְקֶען וֶוערְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוער עֶס אִיז פּוֹשֵׁט יַד - אִיז נִישְׁט פּוֹשֵׁט רֶגֶל; זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, קֶענְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן, אָדֶער זָאגְן קְלָאר אַז דוּ גֵייסְט פַּאר דִיר, אָדֶער זָאגְן: "אִיךְ גֵיי פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים", אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט בָּארְגְן.

בְּרוּדֶער, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן, וֵויין צוּ אִים, זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְשֶׁעמְט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל חוֹבוֹת, וָואס וֶועט דָא זַיין? מַאךְ מִיר אַ נֵס, מַאךְ מִיר אַ טוֹבָה, גֶעבּ מִיר שֶׁפַע.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז דָאס קוּמְט מִיר צוּלִיבּ מַיינֶע זִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּטִפֵּי הַמֹּחַ, אוּן דֶער זוֹהַר זָאגְט (פִּנְחָס רמד:): "מַאן דִמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְמוֹחָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ", וֶוער עֶס אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה וֶוערְט פַארָארֶעמְט; זַיי מִיר מוֹחֵל, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה.

אָנָּא ה', נֶעם אָן מַיינֶע בּוּשׁוֹת, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פַאר אַלֶעמֶען, אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וַוארְטְן בַּיים טִיר אִיךְ זָאל אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אִיךְ קוּם אַהֵיים מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דָאס זָאל זַיין אַ כַּפָּרָה פַאר מִיר"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֶפְשָׁר דָאךְ קֶען אִיךְ מַאכְן שָׁלוֹם צְווישְׁן עֶנְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי״ם, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר זִי לַיידְט, זִי הַאלְט נִישְׁט אוֹיס. אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן אֵיין צַד, אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ קוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר מִיט דַיין וַוייבּ? לוֹיט ווִי זִי שְׁרַייבְּט זֶעט אוֹיס ווִי זִי גֵייט כַאפְּן אַ נֶערְוֶועןן בְּרָאךְ, זִי זָאגְט זִי קֶען מֶער נִישְׁט.

בִּיטֶע מִיר לָאזְן ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען עֶפֶּעס הֶעלְפְן, אִיךְ בִּין נִישְׁטָא צוּ מַאכְן קַיין גִּיטִין, אִיךְ ווִיל נָאר מַאכְן שָׁלוֹם; אֶפְשָׁר דָאךְ קֶען אִיךְ מַאכְן שָׁלוֹם צְווישְׁן עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי זֵיי צוּ זָאגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי״ם, י״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אוֹיף צוּ קְרִיטִיקִירְן דַיין זוּן; עֶר אִיז אַ לִיכְטִיגֶער טַייעֶרֶער בָּחוּר, הֶער אוֹיף אִים צוּ נָאכְקוּקְן.

גֶעבּ אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, גֶעבּ אִים אַ שְׁמֵייכְל, קוּק אוֹיף אִים נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִים נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן קְרִיטִיקִירְן, אִיז עֶנְדֶערְשׁ שִׁיק אִים אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, שִׁיק אִים שְׁלָאפְן בַּיי אַ זֵיידֶע אָדֶער פֶּעטֶער, ווִי אֵיידֶער דַיין נֶפֶשׁ זָאל צֶעקְלַאפְּט וֶוערְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר, אָנָּא, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; וֶוען דִי קִינְדֶער

זֶענֶען שׁוֹין גְרוֹיס דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי וֶועג וִוי מֶען זָאגְט, דִי וֶועג וִוי מֶען אִיז מְחַנֵךְ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דוּ בִּיסְט רַייךְ, בִּיסְט נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ לֶערְנֶען כְּסִדְרָן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין דִי דְרַייצְנְטֶע מָאל גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; ווָאוֹיל אִיז דִיר, ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק בָּזֶה וּבַבָּא.

וָואס וֵויינְסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרוּקְט? דוּ בִּיסְט דָאךְ רַייךְ, דוּ בִּיסְט אַן עוֹשֶׁר, דָאס אִיז אֱמֶתְ'עֶ עֲשִׁירוּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ג, ז): "'וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה', זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", וֶוער אִיז אָרֶעם? וֶוער הָאט גָארְנִישְׁט? אֵיינֶער וָואס רֶעדְט פָּאלִיטִיק, אֵיינֶער וָואס קָאכְט זִיךְ וֶועגְן מַחֲלֹקֶת צְוִוישְׁן קְהִלּוֹת, חֲסִידוּת, אָן תּוֹרָה, אָן מִשְׁנָיוֹת, דֶער אִיז אָרֶעם; דוּ בִּיסְט רַייךְ, דוּ בִּיסְט גְלִיקְלִיךְ.

בְּרוּדֶער, טַאנְץ אַ טֶענְצְל "אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"; דוּ בִּיסְט רַייךְ אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, אַ רַחְמָנוּת אִיז אַ נְשָׁמָה וָואס קוּמְט אַרוֹיף נַאקֶעט אָן עֶנְדִיגְן אֲפִילוּ אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

...

### שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

וְוִיפִיל בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶנְק וַוארְטְן אַ שִׂמְחָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת, מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער יֶעדְן טָאג: "שְׁכּׂחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ, שְׁכּׂחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר וַוארְטְן אַ שִׂמְחָה, שְׁכּׂחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען גֶעזוּנְט, שְׁכּׂחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן וָואס דֶערְמַאנְט אוּן וֶועקְט אוֹיף צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר".

זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים", אוּן זַיי שְׁטַארְק אִין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן.

...

### אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ "אֲשֶׁר בְּנַחַל" שָׂם גּוֹרָלֵנוּ, מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצוֹת, בְּעִיקָר פוּן דִי אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויסְן אַז 'אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל', נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קָאכְט זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, בִּפְרָט יֶעצְט וֶוען מֶען הַאלְט פַּאר דִי וַואלְן, מֶען גֵייט שְׁטִימֶען וֶוער עֶס זָאל זַיין דֶער אַמֶערִיקַאנֶער

פְּרֶעזִידֶענְט; אִידִישֶׁע קִינְדֶער רֶעדְן, שְׁרַייעֶן, קָאכְן זִיךְ וְכוּ׳, מֶען מֵיינְט דֶער קֶען מַאכְן, דֶער קֶען טוּן, בְּשָׁעַת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן טוּט אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לה): ״שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם״, עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסֶע אֶפִּיקוֹרְסוּת, ״אַשְׁרֵי מִי שֶׁיַּחֲזִיק עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה בְּאֵלּוּ הָעִתִּים״, ווארויל אִיז דֶעם וָואס וֶועט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה.

בְּרוּדֶער, אַנְשְׁטָאט הֶערְן פָּאלִיטִיק, קוּקְן נַייעֶס - זָאלְסְטוּ קוּקְן אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, יֵין הַמְּשֻׁמָּר, וָואס לַאכְן זִיךְ אוֹיס צִי טְרָאמְפּ אָדֶער בֵּיידֶען, צִי דֶער אָדֶער יֶענֶער, אוּן וֵוייסְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

...

## דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעפִיל הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי״ם, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, פָאנְדְרֶעיזֶער פוּנֶעם ׳בֵּית הַדְּפוּס׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צַאמְצוּנֶעמֶען צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין אָנְוָוארֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זָאלְן נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַ גְאוּלָּה בִּפְרָטִיּוּת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן דִי גְאוּלָּה כְּלָלִית.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְּלַאן צוּ מַאכְן אַ נְסִיעָה קַיין אוּקְרֵיינֶע צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים מִיט גֶעצֵיילְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גֶעבְּן אַכְצְן טוֹיזְנְט דָאלֶער; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ פָארְן אוּן קוּמֶען יֶעדְן צְוֵוייטְן טָאג, אִיךְ פָאר שׁוֹין אַפָּאר מָאל אַ יָאר; אִיךְ פָאר צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוֹיף לַ״ג בָּעֹמֶר, נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין דָא דִי יֶערְלִיכֶע נְסִיעָה

פַאר דִי יֶערְלִיכֶע קַאמְפֵּיין, אוֹיסֶער דֶעם פָאר אִיךְ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְחַזֵק זַיין דִי חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר אִיז נִישְׁט גְרִינְג אַ נְסִיעָה, אֶפְשָׁר הָאסְטוּ עֶפֶּעס אַן אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְק וָואס מֶען קֶען אָנְוַוארֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר דִי הַדְפָּסָה.

לְדַעְתִּי הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעפִיל צוּ הַדְפָּסָה, ווייל דָאס אִיז דָאךְ דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ גֶעוֶועְן בַּיי מוֹהֲרַ"ש, אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרַ"שׁ מַבְטִיחַ גֶעוֶועְן אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים - וֶועט זֶען אָפֶּענֶע נִיסִים.

...

מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, מִיט זָארְגְן וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, שׁוֹבְבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג

דוּ ווילְסְט דָאךְ הַצְלָחָה, אוּן דוּ פְרֶעגְסְט שְׁטֶענְדִיג וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר הַצְלָחָה, דוּ וַוארְסְט אוֹיף שֶׁפַע.

נֶעם דִי אֵיין שׁוּרָה פוּן סֵפֶר הַמִדוֹת אוּן זֵיי זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד", וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה.

בֶּעט נָאר אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן טוּ אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן אָדֶער נֶעמֶען דְרָאגְס, דָאס אִיז נִישְׁט שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַנְטְלוֹיפְן פוּן זִיךְ, פוּן מְצִיאוּת; אִיךְ רֶעד פוּן שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן 'אִיךְ בִּין אַ אִיד', זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט צִיצִית, תְּפִילִין, מִיט אֱמוּנָה, מִיטְן הִתְקָרְבוּת לְרַבֵּנוּ.

מִיט שִׂמְחָה וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אוּן מִיט זָארְגְן - וֶועט גָארְנִישְׁט וֶוערְן.

...

### אַ גְרִינְגֶערֶע וֶועג צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִ״ים, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זַיין אַ שְׁלִיחַ צִיבּוּר, זִיךְ אַזוֹי זָארְגְן פַאר אוּנְז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַוַודַאי אִיז מִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּ פָארְן מִיט אַ טְשַׁארְטֶער פְלִיגֶער גְלַייךְ קַיין מָאלְדָאוֶוע, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג דִי נְסִיעָה, אוּן אַז מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן, פָארְן גְלַייךְ פוּן אַמֶעריקֶע קַיין מָאלְדָאוֶוע - אִיז זִיכֶער כְּדַאי. לָאז מִיר וִויסְן אַלֶע פְלֶענֶער, וַוייל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווִילְן שׁוֹין קוֹיפְן טִיקֶעטְס. עֶס אִיז טַאקֶע נָאךְ פְּרִי, מִיר זֶענֶען אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, אָבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דֶעם רֶבִּינְ׳ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַלֶע בֶּענְקֶען שׁוֹין אוּן וַוארְטְן שׁוֹין, אוּן מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן כַאפּ זִיךְ אַרוֹיף צוּם צִיוּן בַּיים הֵיילִיגְן רִיבְּנִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן בֶּעט דַיינֶע בַּקָשׁוֹת, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ׳ן.

...

### קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן כִּסוּפִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִ״ים, י״ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ד

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וַוארְט, קוֹיף נָאכְנִישְׁט קַיין טִיקֶעט פַאר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעזִיצְן מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר, מֶען פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע וֶועגְן צוּ מַאכְן אַ טְשַׁארְטֶער פְלִיגֶער גְלַייךְ קַיין מָאלְדָאוֶוע, אוֹיךְ ווִילְן מִיר מַאכְן דִי טְשַׁארְטֶער זָאל פָארְן נֶעבְן קִרְיַת יוֹאֵל, נָאנְט צוּ אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס זָאל זַיין גְרִינְגֶער פַאר דִי שְׁטֶעטְל אַיינְוואוֹינֶער.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר מִתְפַּלֵל זַיין מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען נָאכְאַמָאל זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קַיין אוּמַאן קוּמְט מֶען מִיט תְּפִלָּה; נָאר תְּפִלָּה, מִיט כִּסוּפִין, הִשְׁתּוֹקְקוּת אוּן רְצוֹנוֹת, אוּן תְּפִלָּה פַּאר אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן שׁוֹין מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה, לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ וִויסְן בִּיז דְרֵיי וָואכְן וֶוען אִיךְ פָּאר, אוּן וִוי אַזוֹי מִיר וֶועלְן פָּארְן.

...

## זַיי קְלוּג אוּן פַארְגִין דַיין וַוייבּ דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי שֵׁיינֶע מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, אַן 'אֵשֶׁת חַיִל', אַ ווָאוּילֶע עֶרְלִיכֶע פְרוֹי; הַאלְט חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר דִי מַתָּנָה, גֶעבּ כְּסֵדֶר גוּטֶער וֶוערְטֶער, קַארְג נִישְׁט אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער, זַיי קְלוּג אוּן פַארְגִין אִיר דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע.

זַיי שְׁטַארְק נִישְׁט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דַיין שְׁטוּבּ אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער; הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין אוּן הֵיילִיג.

זַיי עוֹסֵק אִין צְדָקָה, גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה, מְעַט גַּם כֵּן טוֹב, אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט, אָבֶּער דָאס בִּיסְל זָאל זַיין בְּאוֹפֶן קָבוּעַ, טָאג נָאךְ טָאג.

...

## תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אַזוֹי וִוי אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

מָרַת ... תְּחְיֶ'

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶעס וָואס אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר טוּט פַאר אוּנְזֶער

קְהִילָה, עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן מִיר דִי עוֹל פוּן צָאלְן רֶענְט פַאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע שׁוּלְן, תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס וְכוּ' וְכוּ'. אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהָאלְפְן מִיטְן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה פַאר דִי קְהִילָה לְזִכָּרוֹן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה אַזוֹי שֵׁיין, מִיט אַזוֹיפִיל הַארְץ. אוֹיךְ הֶעלְפְט עֶר מִיט דִי גַּבָּאוּת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אַלֶע הָאבְּן הַנָּאָה, אַלֶע זֶענֶען צוּפְרִידְן.

וְעַל כּוּלָם לֶערְנְט עֶר אוּן עֶר דַאוֶונְט, וֶוען עֶר הָאט אִיבְּרִיגֶע צַייט זִיצְט עֶר מִיט זַיינֶע סְפָרִים אוּן לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

בְּלַייבְּט אִיבֶּער אֵיין זַאךְ, נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע נִיסִים וַחֲסָדִים.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אַז מֶען זָאגְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי - אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אוֹיס גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים.

...

## קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט מִיט דִי גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבָבִי"ם, י"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא) "דִי וֶועלְט נַארְט אֵייךְ, לָאזְט אֵייךְ נִישְׁט נַארְן", קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט מִיט דִי גֶעלְט, מֶען מֵיינְט אַ גַאנְצְן צַייט 'יֶעצְט פַארְדִין אִיךְ, יֶעצְט מַאךְ אִיךְ גֶעלְט', "וּלְבַסּוֹף כְּשֶׁבָּאִין לְחֶשְׁבּוֹן", נָאכְדֶעם וֶוען מֶען רֶעכְנְט אוֹיס, "אֵין נִשְׁאָר בְּיָדָם כְּלוּם", זֶעט מֶען זִיךְ אָן קַיין גֶעלְט.

נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז תַּכְלִית, גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, לֶערְנֶען בְּכָל יוֹם מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, הֲלָכָה, מֶדְרָשׁ, וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מְשׁוּגָע בְּדִבּוּר, בְּמַעֲשֶׂה, בְּמַחְשָׁבָה; נָאר דָאס אִיז תַּכְלִית.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַשְׁרֵינוּ שֶׁיֵּשׁ לָנוּ רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק, אוּן וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן שְׁלָאף.

...

**טוּן אַסַאךְ חֶסֶד, נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, שׁוֹבְבִי"ם, י"ג אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ד

לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דוּ בַּאקוּמְסְט מַיינֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אוּן צוּ דוּ הָאסְט הֲנָאָה, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעהֶערְט, אִיךְ הָאף דִי בְּרִיוו זֶענֶען דִיר מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק, אוּן עֶס וַוייזְט דִיר אַ וֶועג צוּ קֶענֶען לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן וֶועגְן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ וֵוייס דוּ הָאסְט שָׁלוֹם בַּיִת, דָאךְ וִויל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען עוֹסֵק בְּעַסְקָנוּת, עוֹסֵק אִין הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן - דַארְפְן סְפֶּעצִיעֶל חִיזוּק, עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טוּ וַוייטֶער חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאלְסְט וִויסְן אַז חֶסֶד אִיז פוּן דִי סִימָנִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): "שְׁלֹשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָּה זוּ, הָרַחְמָנִים וְהַבַּיְשָׁנִין וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים", אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ; חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען פַארְגֶעסְט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען הֶעלְפְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן מִיט דִי וַוייבּ שְׁלָאגְט מֶען כַּפָּרוֹת; קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן חַס וְשָׁלוֹם.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אוּן וִויפִיל אוּן וִוי אַזוֹי דִי חֶסֶד זָאל צוּגֵיין, אוּן וִויפִיל אוּן וֶוען זָאלְסְט זַיין אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז זַיין אַ טַאטֶע פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַ מַאן פַאר דִי וַוייבּ.

דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶוייסְט מֶען פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

...